**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/25/2024

## גאווערנאר האקול מעלדט דאס אנהייבן פון 17.4 מיליאן דאלאר פראיעקט איבערצובויען דריי וויכטיגע בריקןאין די הודסאן וועלי

נייע בריק דעק, ראוד אויבערפלאך און קאנקריט פארעכטונגען וועט צוגעבן פארזיכערקייט און פארבעסערן שטאנדהאפטיגקייט דורכאויס וויכטיגע רייזע וועגן

גאווארנער געטי האקול האט היינט געמאלדן אז ארבעט האט זיך אנגעהויבן אויף א 17.4 מיליאן דאלארדיגע בראיעקט איבערצובויען דריי הייוועי בריקן אין די הודסאן וועלי, צוגעבנדיג פארזיכערטקייט און פארבעסערנדיג רעזיליענסי דורכאויס וויכטיגע רייזע וועגן פאר איינוואוינער און דורכגייער אין דריי קאונטיס. מיט שטיצע פון די אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און דזשאבס עקט ( Infrastructure Investment and Jobs Act), וועט די פראיעקט אינסטאלירן נייע דעקס, וועג אויבערפלאכן און מאכן אנדערע פארעכטונגען צו בריקן דורכאויס סטעיט רוט 52 אין אראנדזש קאונטי סטעיט רוט 304 אין ראקלענד קאונטי און אילינגטאן ראוד (Illington Road) אין וועסטשעסטער קאונטי, וועלכע סערווירט טויזנטער מאטאריסטן יעדן טאג און זענען פיל גענוצט דורך דורכגייער אנצוקומען די געגנטס גרויסע הייוועיס - אריינרעכענענדיג די ניו יארק סטעיט טרוועי און די קראס וועסטשעסטער עקספרעסוועי (Cross Westchester Expressway)(Interstate 287)- ווי אויך אסאך פון די געגנט'ס פאפולערע דעסטינאציעס. יעדע פון די בריקן וואס ווערן איבערגעבויט איז מער ווי 50 יאר אלט.

"דורך אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור, פארזיכערן מיר אז אונזערע געמיינדעס בלייבן פארבינדן און אז זיי זענען גרייט זיך צו טרעפן מיט די שוועריקייטן אויסגעשטעלט דורך טויש אין קלימאט." **האט גאווארנער האקול געזאגט**. "די איבערבויאונג פון די דריי הודסאן וועלי בריקן וועט פארלייכטערן רייזעס דורך געוויסע פון די געגנט'ס פארנומענסטע רייזע וועגן, וועלכע וועט פארשטערקערן אונזער עקאנאמיע, פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן און עפנטליכע זיכערהייט און העלפן האלטן אונזערע געמיינדעס בליענדיג."

ארבעט אויף די דריי בריקן נעמט אריין די אינסטאלירן פון נייע, גענצליך דורכלויפנדע און נישט-צאמגעשטעלטע בריק דעקס וואס וועט פארמינערן לאנג טערמיניגע אונטערהאלט קאסטן, שאפן א גלאטערע רייזע און פארמערן די אלגעמיינע לעבן פון די בריקן. נאך פארבעסערונגען רעכנט אריין נייע ראוד אויבערפלאכן, פארעכטן אייזערנע באלקן, פיער ערזעצונג, קאנקריט אביוטמענט פארעכטונגען און יוטיליטי ארבעט. ווארעמע געמישטע אספאלט מיט ריסייקלטע צוקראכטע גלאז וועט אויך גענוצט ווערן און אנדערע מאטעריאלן אויפן פלאץ וועט ווערן ריסייקלט און איבערגענוצט אזוי ווי מ'קען.

די פראיעקט וועט איבערבויערן די פאלגנדע בריקן:

- סטעיט רוט 52 איבער אינטערסטעיט 84 אין די טאון אוו ניובורג, אראנדזש קאונטי, וועלכע איז אריגינעל געבויט געווארן אין 1963.
- סטעיט רוט 304 איבער אינטערסטעיט 287 אין די טאון אוו קלארסטאון, ראקלענד קאונטי, וועלכע איז אריגינעל געבויט געווארן אין 1953.
- אילינגטאן ראוד איבער די טאקאניק סטעיט פארקוועי אין די טאון אוו יארקטאון, וועסטשעסטער קאונטי, וועלכע איז אריגינעל געבויט געווארן אין 1967.

ארבעט האט זיך שוין אנגעהויבן אויף די סטעיט רוט 52 און אילינגטאן ראוד בריקן, בויארבעט וועט זיך אנהייבן אויף די סטעיט רוט 304 בריק אין די קומענדיגע חדשים. די פראיעקט איז באשטימט ערווארטעט פארענדיגט צו ווערן אין די זומער פון 2026.

שאולדער פארמאכונגען וועט פארקומען דורכאויס די אינטערסטעיט 84, די טאקאניק סטעיט פארקוועי און אינטערסטעיט 287 צוצושטעלן פלאץ פאר קאנסטראקשן. נאך פארקער טוישונגען נעמט אריין:

- סטעיט רוט 52 און סטעיט רוט 304 וועט פארמינער ווערן צו איין ליניע אין יעדע ריכטונג.
- די אילינגטאן ראוד איבערפאר וועט זיין פארמאכט צו פארקער.

**סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישאנער מערי טעריז דאמינגעז האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט, איז ניו יארק סטעיט איבערגעגעבן צו אינוועסטירן אין אונזער אינפראסטרוקטור עס צו מאכן מער שטאנדהאפטיג. די פראיעקט וועט מאדערניזירן דריי וויכטיגע בריקן אין די הודסאן וועלי, מאכנדיג זיי גרייט פאר סיי וועלכע שוועריקייטן די מוטער נאטור האט פאר אונז און העלפן פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע וואקסט ווייטער און אונזער לאקאלע געמיינדעס בליען ווייטער."

**פארטרעטער פעט רייען האט געזאגט,** "די ביפאטיסאן אינפראסטרוקטור געזעץ ( Bipartisan Infrastructure Law) האט געעפנט ביליאנען דאלארן אויפצולעבן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און שאפט טויזנטער גוט-צאלנדע דזשאבס דורכאויס די וועג. איך שטופ יעדן טאג צוצושטעלן די דאלארן און דזשאבס דורכאויס די גאנצע הודסאן וועלי. די לענדמארק אינוועסטירונג אין אראנדזש קאונטי וועט צושטעלן זיכערערע וועגן פאר ניובורק פאמיליעס און פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזערע בריקן ווען מיר ברענגען אונזער אינפראסטרוקטור אין די 21סטע יאר הונדערט."

**סטעיט סענאטער פיטער הרקהאם האט געזאגט,** "אנהאלטן וויכטיגע אינפראסטרוקטור, אזויווי אונזערע ראודוועגן און בריקן, איז מיין הויפט פריאריטעט, ווען מיר שטיצן ווייטער ניו יארק'ס עקאנאמיע. די אנהייב פון די רענאוואציע פראיעקט פאר דריי וויכטיגע בריקן אין די הודסאן וועלי, אריינרעכענדיגע איינס אין די טאון אוו יארקטאון, איז גוטע נייעס ווייל עס וועט בענעפיטירן איינוואוינער און לאקאלע ביזנעסער, ווי אויך באזוכער אין די געגנט און אינטערסטעיט האנדל. איך אנערקען די שטארקע שותפות מיט גאווארנער האקול צו אינוועסטירן אין ניו יארק'ס טראנספארטאציע זיכערהייט און ווייטערדיגע עקאנאמישע וואוקס."

**סטעיט סענאטאר ראבער ראליסאן האט געזאגט,** "די אינפראסטרוקטור פראיעקט איז וויכטיג אנצוהאלטן צוטריט צו וויכטיגע דורכגייער פונקטן אין אונזער סטעיט ווי אויך פארבעסערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון אונזער געבויטע אומגעבונג. איך אפלאדיר די גאווארנער פאר די קריטישע אינוועסטירונג אין א טאון אוו ניובורג הייוועי בריק און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע סטעיט שותפים צו

איבער-אויספלאסטערן און איבערמאכן די אויבערפלאך פון מער פון אונזער געגנטס ראודוועגן אז דרייווערס זאלן קענען פארן מער פארזיכערט און באקוועם."

**סטעיט סענאטאר וויליאם וועבער האט געזאגט,** "די ווידערבוי פון די סטעיט רוט 304 בריק איבער אינטערסטעיט 287 איז שטארק נויטיג און וועט זיין גוט ענטפאנגען ווערן ביי יעדעם. איך בין פרייליך אז די סטעיט האט געהערט אונזער אינפראסטרוקטור זארגן און נעמט די נויטיגע שריט עס צו פארעכטן."

**אסעמבלימעמבער יאנאטאן דזשעיקאבסאן האט געזאגט.** "די איבערפאר איז איינס פון די מערסטע געפארענע טיילן פון רוט 52, וויבאלד עס פארבינדט צו I-84 דורך אויסגאנג 37 אין ניובורג. איך פאר דורך די בריק יעדן טאג. איך אפלאדיר גאווארנער האקול און די סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט פאר די ווידעראויפבוי פראיעקט." עס איז וויכטיג צו אונטערהאלטן אונזערע ראודס און בריקן - נישט נאר צו פארמיידן צוקונפטיגע אומגליקן, נאר צו פארזיכערן א בעסערע קוואליטעט פון לעבן."

**ראקלענד קאונטי עקזעקיוטיוו עד דעי האט געזאגט,** "מיר גלייבן אז פארזיכערן געטרויבארע און פארזיכערטע טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור פאר די הודסאן וועלי איז וויכטיג און אפלאדירן די לעצטע אינוועסטירונג אין די סטעיט רוט 304 בריק אין ראקלענד קאונטי."

**אסעמבלימעמבער קענעט זעבראווסקי האט געזאגט.** "רוט 304 איז א גרויסע דורכפאר דורך ראקלענד קאונטי און די אויבערפלאך וואס פארט איבער די NYS טרו-וועי איז אלעמאל א פראבלעם. איך בין פרייליך אז גאווארנער האקול און די DOT אידענטיפיצירן אינפראסטרוקטור פראיעקטן אזויווי דעם וואס נויטיגן זיך וויכטיג אין ווידעראויפבוי און קריטישע אינוועסטירונגען. די ארבעט וועט מאכן א אנזעעוודיגע אונטערשייד פאר טויזנטער פון ראקלענדערס א טאג וואס נוצן רוט 304 אנצוקומען ארום די קאונטי."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאדימער האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווארנער קעטי האקול פארן צושטעלן מיליאנען דאלארן אין פינאנצירונג צו העלפן ווידעראויפבויען די אילינגטאן ראוד בריק וואס לויפט דורך די טאקאניק סטעיט פארקוועי אין יארקטאון. די באזונדערע בריק איז באלד 60 יאר אלט און אין א צושטאנד פון שטארק-נויטיגע פארעכטונג. אונזער אדמיניסטראציע האט באוויזן זייער איבערגעגעבנקייט צו אינפראסטרוקטור און וועגן פארבעסערונגען צו העלפן בויען א שטערקערע וועסטשעסטער קאונטי, און די פינאנצירונג וועט העלפן פארזיכערן די זיכערהייט פון די איינוואוינער און דורכגייער וואס נוצן די בריק צו פארן יעדן טאג."

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און טראנספארטאציע שטרעבט צו געבן א פארזיכערטע, פארלעסליכע, גלייכע, און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט געמיינדעס, פארבעסערט דאס לעבנס-קוואליטעט, באשיצט די אומגעבונג, און שטיצט די עקענאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט. די רעדע איז איבער לעבנס; פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף [Facebook](), פאַלאָוט אונז אויף [X]() אדער [Instagram](), אדער באזוכט אונזער [וועבזייטל](). פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט [www.511NY.org]() אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן